# משיחת ש"פ וישב תשכ"ה

ד. על וישב יעקב פרש"י אלה ישוביהן וגולגליהם כו', וכאמור כבר שרש"י הוא לפרש פשוטו של מקרא, וכמ"ש הרשב"ם כאן שדיבר עם רש"י אודות פשוטו של מקרא, (דאה שם) וכמו"כ כאן קשה פשוטו של מקרא דהרי פסוק זה הוא מיותר לגמרי דהרי כבר כתוב דיעקב הי' בארץ כנען ובמגורי אביו ולמה אומר עוד כאן וישב וגו'. עוד קשה מהו הוישב יעקב דו' מוסיף דהרי הי' אפשר לכתוב יעקב ישב בארץ כנען כו', ומוסיף להקודם שמדבר אודות אלופי עשו ואינו מובן דהרי מבואר שהדד כו' הי' בימי שאול, ומה זה המשך לכאן שהי' הרבה שנים מקודם שהי' בינתיים במצרים כו' ואח"כ במדבר והיו הרבה שנים ביניהם ומה זה שייך ליעקב?

ולזה מפרש להודיע ישוביהן וגלגוליהן ומצד החשיבות שלו אומר בארוכה, ואומר שכן הוא בי׳ דורות שמאדם עד נח, וזה אינו מספיק ואומר מנח עד אברהם וזה ג"כ אינו מספיק ואומר משל למרגליות שנטלה כו׳, וצריכין להבין מה בא להוסיף עם נח וכו׳ הרי כבר מבואר זה מכאן גופא ומה צריכין שכמו"כ הוא בנח ובאברהם, ומהו המשל, מה החול כאן, ובאמת בשלמא לגבי נח ואברהם הרי שם אי אפשר לחשוב נח קודם הי׳ דורות דשם חושב הסדר בהבנים וכמו"כ באברהם, ואי אפשר לחשוב מיד אברהם אבל כאן הרי אפשר להתחיל מיד עם יעקב, דמה זה נוגע שהי׳ אחיו של עשו ואלופי עשו הם כו׳?

וההסבר הוא דכל הענין דאלה תולדות יעקב יוסף כו׳ ועי"ז דוקא באו ליצי"מ כו׳ הוא מצד שיהי׳ ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, ואילו זכו הי׳ הגאולה שייך להיות אז, ולכן הי׳ כל הירידה למצרים, ולכן אומרים דוישב יעקב כו׳ קודם לזה חושב כל אלופי עשו לפני מלך מלך בשביל הבירור שבהם, עד שהי׳ בשאול המלך שהי׳ משיח ה׳, אלא מצד מיעוט קב"ע לא הי׳ זה,

ולכאורה הרי אם הם אינם חשובים למה הוא מזכירם אלא זהו ע"ד מרגליות בחול היינו הניצוצות שהיו צריכין לברר משם, וכדוגמת שהי׳ בנח שחושב הי׳ דורות דכשבא נח הנה עולם חדש ראה והי׳ ההבטחה דלא יהי׳ עוד המבול, והי׳ דורות אח"כ עד אברהם, היינו דהרי מבואר דז׳ מצוות בני נח אפשר להיות מצד השכל ולא מצד ציווי הבורא, וזה שבא אברהם ויקריא בשם הוי׳ א-ל עולם היינו שפעל שזה יהי׳ מצד אלקות, ועד"ז גם אח"כ עד יעקב, מ"ת עד משיח, דכל הכוונה הוא לברר הניצוצות שבהם, והיינו שהם מצ"ע אינם חשובים רק העיקר הוא לברר הניצוצות שלהם, וזהו באלפי עשו שהוא לפני מלך מלך ששרשם בתוהו שלמע׳ מתיקון, וע"ד ביעקב שירא מפני עשו מבואר במדרש שזה לא הי׳ מצד הסאלדאטן אלא מצד שעשו קיים מצות כיבוד אב ואם, ומלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע שזהו ג"כ באוה"ע, (תוהו קודם, וסותר ע"מ לבנות) ולכן צריכין לברר אותן הניצוצות, ודוקא אח"כ שהושב את אלופי עשו אז וישב יעקב וכו׳ וכנ"ל שכל העיקר הי׳ מצד לברר אותם הניצוצות. וע"ד במרגליות הרי אדם ממשמש בחול שבאמת החול מצ"ע הרי אין בו שום חשיבות אלא כשיש שם המרגליות הנה כשחושב ששם יש המרגליות אז הוא חשוב ביותר, וכ"ז הוא מצד המרגליות שיש שם, אבל זה מצ"ע לא כלום הוא, ולכן כשמצאה הוא משליך החול מידו.

ועד"ז הוא בהנוגע להבירורים שהם מצ"ע לא כלום הוא ואין שום חשיבות אלא העיקר הוא הבירור, וזהו ג"כ הביאור דירידה הנשמה למטה לברר, והרי צ"ל או"ש וכמו"כ נברכך הוי׳ אלקיך כו׳ שצריכין כלי, הנה כ"ז צ"ל לא נחשב לכלום והעיקר הבירור בזה, וזהו וכי יצחק אבינו דגן זרע שלא הי׳ בזה שום חשיבות, ולכן אומר רש"י ואח"כ זורקו שלכאורה אינו מובן מה מוסיף בזה אלא הוא כנ"ל דלאחרי הבירור צ"ל שזורקו ומצ"ע לא כלום הוא.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 250 הודפס ע"י א

אוצר החכמה

וכמו"כ איתא בגמרא הפירה אכל וקליפתו זרק דמתי מוכח שאכל הפירז דוקא כשקליפתו זרק, וזהו הביאור שישראל יצאו ממצרים כהרף עין, ולכאורה כיון שכבר לא היו משועבדים היו אפשר לישאר שם ולהיות במיטב הארץ אלא כנ"ל שאחר הבירור שוב אי"צ לזה, ויצאו כהרף עין ובעבודה צ"ל הפצה עד לזה שהוא כחול אשר הוא קטן ומציאות בפ"ע דלכאו׳ כיון שהוא קטן למה אינו נתחבר עם עוד אחד, ויהי׳ מציאות יותר גדול אלא הוא רוצה להיות גם קטן, בכדי שיהי׳ מציאות בפ"ע וזה ג"כ מברר ואח"כ זורקו לאחר הבירור, שאינו חשיבות בפ"ע (חסר הסיום)

* * *

# משיחת י״ט כסלו תש״ל

ז. עס איז ידוע דער ווארט פון דעם אלטן רבי'ן אז מען דארף לעבן מיט די צייט, און ער האט דאס אויס-געטייטשט אז דאס מיינט מען די פרשת השבוע,

אוצר החכמה

וואס מען האט דאך מתקן געווען לקרות בכל שבוע ושבוע פרשת התורה, ווי דער רמב"ם שרייבט דאך אז עס איז געווען צוויי מנהגים, און עס איז נתפשט געווארן דער מנהג, אז מ'זאל מסיים זיין התורה בכל שנה ושנה,

און די פרשת השבוע איז דאס דער ענין פון לערנען, אז דאס זאל אראפ-קומען און זיין א מורה דרך אין לעבן פון דער שבוע - וואס דאס איז די נקודה, אויף זוכן רמזים והוראות אין די פרשת השבוע, ביז אין דעם חלק הפרשה וואס איז פארבונדן מיט דעם טאג.

אין די ענינים פון תורה שבכתב, קען מען דאך ניט אלע מאל וויסן דעם ביאור הדבר לתכליתו, און ווי ער זאגט דאך אין אגרת הקודש פון אלטן רבי'ן, אז אין תורה שבכתב איז דא די מצוה פון אבער מען ווייס ניט די פרטי המצוה,

ע"ד ווי בא מצות תפלין, שטייט "בין עיניך", קען ער זיי לייגן על המצח, ועד"ז "על ידך", מיט די אלע פרטים וואס זיינען דא אין מצות תפלין "הוקשה כל התורה כולה לתפלין" - און דערפאר דארף מען אנקומען צו תורה שבעל פה,

וואס תורה שבע"פ איז דאך אין זיך כולל משנה און גמ' און מכילתא ספרא וסיפרי, מיט אלע ספרים - און דערנאך ווי ער זאגט אין ירושלמי, און דער אנדער לשון אין מגילה, אז "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש" גייט אריין אין כלל פון תורה שבע"פ, ביז וואנעט אז דער רמב"ם אין אנהויב פון הלכות ממרים שרייבט גאר, אז עיקר תורה שבע"פ איז דאס דער בית דין הגדול.

אע"פ אז בשעת דער בית דין הגדול איז שוין דעמולט געווען משנה, און דער פלפול אין דער משנה וואס דאס איז דאך דער ענין הגמרא - ווי די גמ' זאגט אז אפי' בא אברהם אבינו איז שוין געווען ת' פירקין און מסכתא ע"ז ועד"ז איז דאך געווען שש מאות סדרי משנה אין צייט פון בית שמאי און בית הלל; זאגט אבער דער רמב"ם, אז אעפ"כ איז עיקר תורה שבע"פ איז דער בי"ד הגדול, אויך דער בי"ד וואס איז לאחרי בית שמאי ובית הלל, לאחר אז עס זיינען שוין דא די שש מאות סדרי משנה, פון וועלכע רבינו הקדוש האט ארויס גענומען די ששה סדרי משנה, איז דער בי"ד הגדול ניט נאר אויך תורה שבע"פ, נאר דאס איז דער עיקר תורה שבע"פ,

וואס דערפאר ווערט דאך אויך געבראכט אין אחרונים, און דער אלטער רבי פסק'נט דאס אפ אין הלכות ת"ת, אז דער כלל "טעה בדבר משנה חוזר", איז בזמן הגמ' איז דאס געגאנגען מער ניט ווי אויף דבר משנה, בזמן הגאונים איז דאס אויך כולל די גמ', און בזמנינו איז דאס כולל די גמ' און משנה און די גאונים



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 282 הודפס ע"י אוצר

און פוסקי ישראל, אז אט דאס אלץ גייט אריין אין כלל פון "טעה בדבר משנה".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, דער גדר בדבר - ווי דער רמב"ם איז דאס אליין מפרש - אז אויב עס איז נאר "מתקבל בתפוצות ישראל", ווערט דאס א ענין פון תורה שבע"פ, ביז וואנעט אז אויף דערויף איז חל דער ציווי פון "לא תסור", מיט אלע פרטים, סיי דער ענין העשה בזה און סיי דער לא תעשה שבזה, און דער סימן בזה איז: אז דאס איז נתקבל געווארן בא אלע אידן, וואס דאס איז אזוי אין די אלע דריי סוגים, צי דאס איז תקנות, צי סייגים, צי גזירות, ווי דער רמב"ם רעכנט זיי דארט אויס בפרטות.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז פירושים אויף תורה שבכתב וועלכע זיינען נתקבל געווארן בכל ישראל, איז א הוכחה אז דאס איז א ענין פון תורה שבע"פ - ואדרבה דאס איז דער עיקר תורה שבע"פ.

וואס דערפאר איז דאך בנוגע צו "שנים מקרא ואחד תרגום", פאראן דאס וואס מען זאגט אין אחרונים, אז טאמער מ'פארשטייט ניט תרגום קאן דאס זיין דער פירוש רש"י. - אע"פ וואס תרגום איז געווען בזמן התנאים, און פירוש רש"י איז ערשט געווארן ניט נאר לאחרי חתימת המשנה נאר אויך לאחרי חתימת הגמ' ותקופת הגאונים. - ווארום דאס איז אויך תורה שבע"פ, און גייט אריין אין כלל פון עיקר תורה שבע"פ.

היינטיקער חלק פון דער סדרה איז דאך די התחלה דער אנהויב פון פרשה וישב, און אויך (ווײבאלד אז די התוועדות איז דאך פארבונדן מיט י"ט כסלו) מיט שבת פ' וישלח [וואס אין שבת לייענט מען דאך די גאנצע סדרה - אע"פ וואס בפרטיות האט דאס א שייכות צו שביעי בסוף הסדרה, וואס דערפאר איז דאך די סדרה נחלקת לשבעה חלקים כנגד שבעת ימי השבוע, איז כדי ארויסצוברייגגען דעם צד השוה, דעם ענין וואס רעדט זיך סיי אין התחלה, און סיי אין סיום פון פ' וישלח]

גיט מען א קוק אין פירוש רש"י, וואס רש"י הויבט אן אויף וישב יעקב אז בשעת יעקב האט דערזען דעם ריבוי פון רשו'ן, ווי אויסגערעכנט בארוכה, האט ער זיך דערשראקן, האט מען אים געגעבן אויף דערויף א משל פון א מרגלית וואס איז פארלארן בתוך החול, וואס חול איז דאך א כמות רבה, און די מרגלית איז מער ניט וו א קליינע בכמות, איז דער סדר אבער, אז הגם מען הארעוועט טאקע מיטן חול [ווי רש"י זאגט בײדע ענינים, אז פריער זוכט מען, און דערנאך כוברה בכברה - מ' זיפט דאס דורך דורך א זיפ, דורך א כברה] איז דערנאך אבער נוטל המרגלית, וזורק הצרורות.

וואס דאס איז אויך געווען דער ביאור פאר יעקב'ן, אז ער זאל זיך ניט דערשרעקן וואס עס איז דא אזא מין ריבוי, אין די ענינים וואס מען האט פריער גערעכנט - די "אלופי עשו" וכו', דערפאר וואס פון דארטן וועט מען ארויסנעמען די מרגלית, וואס די מרגלית איז דער ענין "וישב יעקב" וואס מען זוכט אויס מבין החול.

כמדובר כמה פעמים איז רש"י מדייק בלשונו. און דא זעט מען א חילוק פון תחילת פירוש רש"י מיט דעם המשך, הויבן הויבט זיך אן, אז עס איז דא א מרגלית וואס איז פארלארן אין חול, און דערנאך ווען ער פירט אויס וואס מען טוט בשעת מען געפינט די מרגלית, זאגט ניט רש"י זורק החול נאר זורק הצרורות, ולכאורה האט געדארפט שטיין זורק החול.

וואס דער כללות הענין איז דאך ווי מפורש אין תורה שבכתב, אז עשו איז געווען מיט ארבע מאות איש עמו, און זיי זיינען געווען אין ארץ כנען אין ארץ מגורי אביו של יעקב, וואס דאס איז געווען אין ארץ ישראל. דערנאך איז אנגעקומען יעקב פון אן אנדער ארט פון חו"ל, פון "חרן", און האט געזאגט אז ער האט ניט

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 283 הודפס ע"י אוצ

וואס צו מורא האבן, ער גייט לארץ אבותיו אין ארץ ישראל, און דערנאך האט אים געטראפן עשו, און עס איז געווען "וישקהו", "נקוד על . וואס איז אבער געווען דער סוף, אז עשו האט גענומען "את נשיו ואת מקנהו, וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו".

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, עשו איז דאך דארט געווען מיט א ריבוי עם, ביז וואנעט אז יעקב האט געזאגט, אז אם "יבוא עשו אל המחנה האחת" קאן גאר זיין אז "והכהו", מצד דערויף וואס ער האט "ארבע מאות איש עמו", און יעקב האט מורא געהאט אז "קטונתי מכל החסדים" אז "נתמעטו זכויותי".

וואס איז אבער געווען דער סוף דבר, אז יעקב האט גאר מיט אים קיין מלחמה ניט געדארפט האבן, עשו האט זיך גענומען אויף א רואיקען אופן, אן מלחמה, און אן קיינע ענינים, "וילך אל ארץ" (און דער פסוק זאגט דעם טעם) "מפני יעקב אחיו" - דערפאר וואס יעקב איז אהין געקומען,

וואס איז דערפון די הוראה, אז בשעת אידן וואס זיי זיינען א "מרגלית", געפינען זיך צווישן "חולי", וואס חול איז דאך א דוגמא אויף א ריבוי בכמות, ווי תורה שבכתב ברייננגט דאס אומעטום "כחול הים אשר לא יספר", איז אעפ"כ האט מען זיך ניט וואס צו שרעקן, ווארום ניט נאר וועט די מרגלית בלייבן בקיומה, נאר סוף כל סוף וועט זיין. דער "וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו",

און דאס איז אויך דער אמת, בהנוגע לכמה שכונות בישראל, וואס מען האט זיך אנגעהויבן שרעקן, ווייבאלד עס זיינען דא אזוי פיל "אלופי עשו", און אזוי פיל "אלופי שעיר", און זיי טענה'ן אז לנו הארץ, און זיי האבן "ארבע מאות איש עמו" - אבער אויב נאר יעקב "התקין עצמו לג' דברים, לדורון ולתפלה ולמלחמה", דארף מען גאר ניט אנקומען צו א מלחמה, פריער לעבט מען זיך בשלום כולם ביחד, ביז וואנעט אז עס ווערט "וישקהו" [אמת טאקע נקוד, ס'איז געווען ניט בלבב שלם, אבער וואס האט ער געטאן, ער האט געטאן "וישקהו"],

דערנאך איז געווען נסעה ונלכה ואלכה לנגדך, ער האט געוואלט שלום, און סוף כל סוף איז ער מכיר את האמת - ווי רש"י טייטשט אפ "מפני שטר חוב" מיט די אלע טענות, אז אט די שכונה אין וועלכע עס זיינען דא ישיבות ובתי מדרשות געהערט צו יעקב'ן ווייל דאס איז "ארץ מגורי אביו ארץ כנען", ווי די גמ' זאגט אין ברכות אז "דרשו ה' בהמצאו" איז דאס "בבתי כנסיות ובבתי מדרשות" וואס זיי ווערן אנגערופן מקדש מעט - און אויב יעקב שטעלט זיך אין אן אופן פון "התקין עצמו לדורון ולתפלה ולמלחמה", דעמאלט איז פריער פאראן שלום ומנוחה און דערנאך איז דא דער "וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו" און לאזט אים איבער די שכונה פאר אים, מיט די בתי כנסיות מיט די בתי מדרשות מיט כל הענינים אשר בה,

מ'דארף נאר האבן דעם תוקף פון יעקב'ן. - אויב יעקב וויל אנטלויפן איז דאס היפך דעם ענין פון מלחמה, אויב מען דארף אמאל אנקומען לדורון איז ווי ער זאגט אין מדרש וואס יעקב האט געטאן: ער האט געמאכט אז זיי זאלן ניט זיין ראוי לקרבנות, און ס'איז געבליבן מער ניט ווי די גשמיות שבדבר, אבער ניט ראוי לקרבן, וואס דאס באווייזט דאך אויף דעם חלק הרוחני שבזה. און האט ער געזאגט א תפלה "אלקי אבי אברהם",

וואס אזוי אברהם איז דאך געווען אלקי אברהם בעזרי ווארום ער איז קובע מקום לתפלתו ווי מען טייטשט דאך אין דערויף אז די תפלות זיינע זיינען אין אן אופן פון קביעות און דער קביעות איז פועל אז אין דער מקום איז ניכר אז דער מקום איז א מקום תפלה, איז אט דעמולט אזוי ווי בא אברהם איז געווען "אחד הי' אברהם", כל העולם כולו מצד אחד און והוא מצד שני, און סוכ"ס האבן גוים אים געזאגט "נשיא אלקים אתה בתוכנו", אט אזוי איז אויך סוכ"ס געווען בא עשו'ן "וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו" - אע"פ וואס לכתחילה איז בא אים געווען "ארבע



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 284 הודפס ע"י אוצ

מאות איש עמו", און בא יעקב'ן איז געווען - ווי ער זאגט אין וישלח - א מתי מספר,

און בשעת אז יעקב "התקין עצמו לדורון ולתפלה ולמלחמה", פירט מען אויס, אז די שכונה מיט אט די בתי כנסיות ובתי מדרשות בלייבט פאר יעקב'ן און ס'גייט אוועק דער גאנצער ענין וואס קען מזיק זיין,

וואס דאס איז אויך דער דיוק אין רש"י, וואס ער הויבט אן מיט חול, און איז מסיים מיט דעם ענין וזורק הצרורות,

דער חילוק פון חול און צרורות איז פארשטאנדיק פון די גמ' אין ב"ק, וואס בשעת די גמ' וויל דארט מציירר זיין ווי אזוי עס קאן זיין א אופן של היזק, זאגט די גמ' אז דאס קאן זיין דורך צרורות (ניט דורך חול), ווי מען זעט בטבע, אז ווען מען ווארפט חול איז דאס ניט מזיק, עס איז טאקע ניט קיין ענין של "מרגלית", ס'איז אבער ניט קיין דבר המזיק,

דער ענין פון צרורות אבער איז א ענין וואס אויב א בהמה פארטשעפעט זיך דערמיט און טוט דערמיט א מעשה בהמה, קאן ווערן דערפון אן ענין של "צרורות", אן ענין של היזק,

וואס דאס איז בהנוגע צו קליפת נוגע, אין לשון החסידות איז דא די שני ענינים, עץ הדעת טוב ורע, איז דא דער ענין פון חול וצרורות, און עס ווענט זיך וואס מען וועט מגדיר זיין, און מסביר זיין, בכללות הענין ווי בהנוגע צו ג' קליפות הטמאות לגמרי, האבן זיי דאך א קיום מוז מען דאך זאגן אז אין זיי איז דא א ניצוץ הקדושה.

כמדובר כמה פעמים, איז דאך יעדער ענין פאראן אין נגלה, עכ"פ ברמז, איז פאראן דער כלל אין נגלה אז כל שקר וואס עס איז ניטא אין דעם קיין אמת בתחילתו, ווערט ער ניט נתקבל, "אינו מתקיים",

וואס וואס איז דאס דער ענין שקר אליין, ניטא קיין ענין בעולם, עס זאל זיין שלילי אליין, עס מוז עפעס א חיוב האבן, וואס דעמולט מצד דעם חיוב קאן אויך דער שלילי האבן א קיום, אויב אבער עס זאל זיין שקר אליין איז אט דעמולט איז אל יברא עס איז ניטא אזא מין מציאות,

וואס עס איז דאך פארשטאנדיק וויבאלד אז דאס קומט אלץ מצד הקב"ה איז מפי עליון לא תצא הרעות. במילא זאגט אויף דערויף די גמ' אין שבת לא ברא הקב"ה בעולמו דבר אחד לבטלה, וויבאלד אז ברא הקב"ה - עס איז דאך אלע ענינים ניט שייכות, מער ניט שייכות קיין מציאות, נאר מאמיתות המצאו נמצאו כל הנמצאים - מוז דאס זיין א ענין וואס עס איז ניט לבטלה, נאר וואדען אין דערויף גופא איז דא כמה אופנים, עס איז דא ענינים וואס כולו טוב, דערנאך איז דא מיעוטו רע און דערנאך איז דא מחצה על מחצה, דערנאך איז דא רובו רע ומיעוטו טוב ווי ער רעכנט אויס אין עץ חיים די פרטים בדבר, און ווי מען זעט דאס אויכעט במוחש, אז עס איז ניטא קיין ענין בעולם אז עס זאל זיין כולו רע, אויב ס'איז כולו רע איז בטל ועבר מן העולם,

וואס דאס איז אויכעט אין דער משל, אז כל זמן עס איז דא דער מרגלית אין דעם חול איז אט דעמולט האט דער חול אויכעט א מציאות, און ווי עס איז אויכעט בפשטות מ'וועט דאך ניט ארויס ווארפן דעם חול ער זוכט דאך דארט דעם מרגלית, בשעת אבער ער נעמט ארויס דעם מרגלית ער נעמט ארויס דעם טוב פון דעם רע ווערט דער רע מער ניט ווי רע אליין, ווערט דאס ניט חול נאר דאס ווערט צרורות, א דבר א מזיק, און א דבר א מזיק איז מען זורק, עס ווערט ארויס געווארפן פון ענין המציאות,

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 285 הודפס ע"י אוצ

וואס דאס איז דער צווייטער פירוש לעיל וואס עס איז דאך דא אויף עשו'ן שטייט צוויי ענינים, איין מאל שטייט אויף עשו'ן מלכות הרשעה, אז דאס איז ווי בדוגמא ווי די חי' הרביעית פון די ד' חיות טמאות, וואס דאס איז חזיר וואס פושט טלפיו, אז ער האט אין זיך איין סימן טהרה, וואס דעמולט איז דאס א דוגמא אויף קליפת נוגה, אז עס האט איין סימן טהרה און איין סימן טומאה, וואס דעמולט ווערט ער אנגערופן בשם חזיר, וואס פושט טלפיו, און אויף דערויף איז דא דער עתיד חזיר ליטהר, ווי ס'איז דא דער ביאור בזה בכמה אחרונים וואס זיי זייבען שוין דעם מאמר מבאר, און דערנאך איז דא ווי מען זאגט אויף עשו'ן אין דער הפטורה אז דעמולט וועט ער אינגאנצן נשמד ווערן אז עס וועט ניט בלייבן קיין שריד ופליט וואס דאס איז ווי עשו קומט אראפ דערנאך אין ג' קליפות הטמאות לגמרי וואס בכללות איז דאס דער חילוק פון ראש עשו ביז גוף עשו,

וואס דערפאר שטייט דאך אין מדרשים א דבר פלא, אז רישא דעשו בעיטפא דיצחק, בשעת חושם בן דן האט אראפ געהאקט בשעת ווען עס איז געווען דער סכסוך פון פרשת ויחי איז דעמולט איז קטע רישא דעשו, ונתגלגל רישא דעשו און עס איז געבליבן ליגן בעיטפא דיצחק און ס'ליגט אין מערת המכפלה, נאר גופו איז געבליבן מבחוץ,

וואס דאס איז די שני ענינים וואס איז דא בא עשו'ן וואס דאס איז בדוגמת החזיר, וואס עתיד חזיר ליטהר, און בדוגמת פון דעם ענין וואס עס איז ניטא אויף דעם קיין תיקון, את רוח הטומאה אעביר מן הארץ, מען האט ארויס גענומען די מרגלית און עס איז געבליבן מער ניט ווי די צרורות,

וואס אזוי איז אויכעט בהנוגע צו דרי הארץ אט דאס וואס מען דארף דאך טאן צדקה מיט עכו"ם מפני דרכי שלום, איז דאך דאס גופא א הוכחה אז עס איז דא אין זיי א דבר טוב.

וואס דערפאר איז אויך דא די שני סוגים, אט דער סוג וואס לעבט בשלום, און דאס איז בדוגמת חול וואס געפינט זיך דארטן א מרגלית, אבער אעפ"כ דארף ער ניט נתפעל ווערן וואס דער חול איז א ריבוי בכמות און דער מרגלית איז א מיעוט בכמות, וואס דער גאנצער מציאות החול איז דאס מפני המרגלית, און אויב נאר די מרגלית שטייט בתקפו לדורון ולתפלה ולמלחמה, איז אט דעמולט ווייס דער חול אליין און איז מכיר און מודה אז די מרגלית איז א מרגלית און ער איז מער ניט אט דער וואס איז שומר א מרגלית, און היט אים מכל ענינים, בדוגמת ווי א קליפה איז שומר לפרי, ווי עס איז געווען קודם חטא עץ הדעת. און דער ענין וואס עס איז דא צרורות - איז אין דערויף איז דער זרק צרורות.

וואס דעמולט ווערט דער וישב. יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען, אז ביקש יעקב לישב בשלוה, איז אט דעמולט זאגט ער דאך אז קפץ עליו רוגזו של עשו, עס איז דאך געווען א רצון פון א צדיק, ובפרט פון בחיר שבאבות, שלימו דאבהין, איז סוף כל סוף ווערט דאס אויכעט מקוים, אז יעקב ישב בשלוה, וואס דאס איז דאך כולל כל ישראל כולם, וישב יעקב בדד וישב ישראל בדד עין יעקב, וואס דאס איז בדוגמא ווי יעקב האט געבעטן בזמנו, און ס'איז ניט מקויים געווארן, עס וועט דאך זיין דער ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, וועט דעמולט מקויים ווערן אט דאס וואס ער זאגט אין וישלח, אז יעקב האט געזאגט אז סוף כל סוף וועט ער אויכעט קומען צו יראה, וועט דעמולט זיין דער וזרק צרורות, און דער איבערשטער וועט האבן אט די מרגלית, און עס וועט זיין דער ענין פון יושבים בשלוה, איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו ביז אין א אופן פון לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, דערפאר וואס ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים,

וואס דאס איז דאך ווי דער רמב"ם איז אין דערויף מאריך אין הלכות תשובה, וואס דעמולט אז מען לערנט הלכות תשובה איז דאס דעמולט לימוד המביא לידי מעשה אז ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין, קומט מען צו הלכות מלכים, וואס אין


הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 286 הודפס ע"י אוצ

סיום פון הלכות מלכים וואס דאס איז אויך דער זעלבער סיום, נאר מיט די הוספה כמבואר אמאל בארוכה, אז לא נתאוו מפני ריבוי המעדנים אע"פ וואס דעמולט וועט זיין מעדנים כעפר, נאר וואדען מ'וויל האבן די שלוה וואס דעמולט איז ישראל משיגים דעת בוראם און משיגים דברים הסתומים דער ענין פון פנימיות התורה, ישקני מנשיקות פיהו תורתו של משיח דערפאר וואס ס'וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, בעגלא דידן בביאת משיח צדקנו.